# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................**8:08**
מוצאי שב"ק....................**9:35**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..............מלכים-ב' ט"ו-ט"ז
בבלי........................ערכין ל"ד
ירושלמי......................חלה י"ח
תוספתא...............גיטין פרק ו'
רמב"ם..שאר אבות הטומאות י"ג


*פרשת בלק, י"ז תמוז, אבות פרק ו', שנת תשע"ט לפ"ק*

*שנה 8, גליון 45 (405)*


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל, ה' אֱלֹקָיו עִמּוֹ וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ.**

דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (בַּמִּדְבָּר רַבָּה כ, כ): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת נָאר אוֹיף זֵייעֶר גֵאוּת.

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב): אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס דַן זַיין לְכַף זְכוּת, עֶר דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט אוּן זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דֶעם אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים. אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אַ צְוֵוייטְן אִיד דַארְף מֶען קוּקְן נָאר אוֹיף יֶענֶעמְ'ס גוּטֶע חֲלָקִים, אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעמְ'ס שְׁלֶעכְטְס.

בֶּאֱמֶת גֵייט דִי בֵּיידֶע זַאכְן צוּזַאמֶען, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט בַּיי זִיךְ נָאר אוֹיף זַיין גוּטְס, דֶעמָאלְט אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר קוּקְט בַּיי יֶענֶעם אוֹיךְ נָאר דִי גוּטְס. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אָבֶּער נָאר דִי שְׁלֶעכְטְס בַּיי זִיךְ וֶוערְט עֶר אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר זֶעט נָאר שְׁלֶעכְטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דֶער פָּסוּק גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד, **לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב** - מֶען זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן דִי פָּשׁוּטֶע אִידְן, **וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל** - אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קוּקְן דִי שְׁלֶעכְטְס אוֹיף צַדִיקִים. וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם? **ה' אֱלֹקָיו עִמּוֹ** - וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ אַלְץ לִיבּ אוּן עֶר אִיז מִיט אִים. דֶעמָאלְט וֶועט עֶר וִויסְן אַז, **וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד וִוי אַזוֹי עֶר קוּקְט נָאר אוֹיס.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן אִידְן נָאר אוֹיף זֵייעֶר גֵאוּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נָאר אוֹיף דֶעם וָואס אַ אִיד הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק מִיט זַיינֶע מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס עֶר הָאט, דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה בָּלָק ח)

***

**וַיַּרְא פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן וַיָּקָם מִתּוֹךְ הָעֵדָה וַיִּקַּח רֹמַח בְּיָדוֹ.**

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ו): אַז וֶוען דִי תַּאֲווֹת שְׁטַארְקְן זִיךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ זָאל עֶר לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן מִיט דֶעם וֶועט עֶר אָפְּקִילְן זַיין יֵצֶר הָרַע.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת טו.) **כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע וּמְדַקְדֵק בְּאוֹתִיּוֹתֶיהָ מְצַנְּנִין לוֹ גֵיהִנּוֹם**, דָאס מֵיינְט נִישְׁט נָאר דִי גֵיהִנוֹם פוּן יֶענֶע וֶועלְט, נָאר אוֹיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט קִילְט עֶס אָפּ דִי פַייעֶר פוּן תַּאֲווֹת וָואס בְּרֶענְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וֶוען פִּנְחָס הָאט גֶעזֶען אַז עֶס אִיז זִיךְ מִתְגַבֵּר דִי תַּאֲווֹת אוֹיף דִי אִידְן, אוּן זֵיי וֶוערְן נִכְשָׁל אִין עֲבֵירוֹת, **וַיִּקַּח "רֹמַח" בְּיָדוֹ**, הָאט עֶר גֶענוּמֶען קְרִיאַת שְׁמַע וָואס הָאט אִין זִיךְ רַמַ"ח וֶוערְטֶער, אוּן מִיט דֶעם מַכְנִיעַ גֶעוֶוען דִי שְׁוֶוערֶע תַּאֲווֹת.

(זֹאת הַתּוֹרָה בָּלָק י)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דִי דְרֵיי וָואכְן

מֶענְטְשְׁן בַּאטְרַאכְטְן דִי טֶעג פוּן "בֵּין הַמְצָרִים" - דִי דְרֵיי וָואכְן צְוִוישְׁן שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז אוּן תִּשְׁעָה בְּאָב, אַלְס טְרוֹיעֶרִיגֶע מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיגֶע טֶעג, עֶס זֶעט עֶפֶּעס אוֹיס וִוי גֶעפַאלֶענֶע נִידֶערִיגֶע טֶעג, וֶוען מֶען אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען דֶעמָאלְט נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעהֶערִיג.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי. נָאר פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דִי טֶעג זֶענֶען גְרוֹיסֶע טֶעג, וָואס זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ מֶער אוּן גְרִינְגֶער פוּן אַ גַאנְץ יָאר.

מֶען הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, אַז עֶרְלִיכֶע אִידְן פְלֶעגְן זָאגְן אַז אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְצָרִים פַאלְן זֵיי פוּן זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, פַארְקֶערְט, דִי טֶעג קֶען מֶען גְרִינְגֶער שְׁטֵייגְן, אוּן וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי אַ קֶענִיג אַז וֶוען עֶר אִיז אִין זַיין פַּאלַאץ אִיז שְׁוֶוער צוּ צוּקוּמֶען צוּ אִים, אָבֶּער וֶוען עֶר אִיז אוֹיפְ'ן וֶועג, אוֹיפְ'ן גַאס, אִיז אַ סַךְ גְרִינְגֶער צוּ קוּמֶען צוּ אִים. דִי זֶעלְבֶּע יֶעצְט - "בֵּין הַמְצָרִים" - וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז כִּבְיָכוֹל אִין גָלוּת, אִיז עֶר נָאךְ מֶער נֶענְטֶער צוּ אוּנְז, אוּן מִיר קֶענֶען נָאךְ גְרִינְגֶער אוּן שְׁנֶעלֶער צוּ קוּמֶען צוּ אִים, אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג, דָאס

<<<<<<

## א גוט ווארט

עֶס זֶענֶען דָא צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אִין דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶעס אוּן הַיינְט זֶענֶען זֵיי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים נָאר דוּרְךְ דִי עֵצָה פוּן מִשְׁנַיוֹת; זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן אַסַאךְ גוּטְס בִּיז זֵייעֶר שְׁלֶעכְטְס אִיז פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן.

אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אַז עֶר לִיגְט אִין אַ טִיפֶע בְּלָאטֶע, עֶר זִינְדִיגְט נֶעבֶּעךְ אוּן טוּט זֵייעֶר גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן זָאל אִים הֶעלְפְן אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן זַיין בְּלָאטֶע. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמז): "דוּ טוּ גוּטְס, אוּן דִי שְׁלֶעכְטְס וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַוֶועק פַאלְן"; אַז דוּ זֶעסְט וִוי דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף דִיר, זָאלְסְטוּ טוּן אַסַאךְ גוּטְס - וֶועט אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אַוֶועק גֵיין.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' בָּלָק תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




## וֶועט עֶר זַיין אַ גוּטֶער מַאן פַאר מַיין טָאכְטֶער?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מִיר הַאלְטְן אִינְמִיטְן אַ שִׁידוּךְ פַאר אוּנְזֶערֶע טָאכְטֶער תִּחְיֶה, אוּן מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז דֶער בָּחוּר הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיף אוּנְזֶער טָאכְטֶער אוֹיבּ זִי אִיז אַזַא סָארְט וָואס אִיז זִיךְ מַכְנִיעַ. דָאס הָאט אוּנְז גֶעמַאכְט אַבִּיסְל דֶערְשְׁרָאקְן פוּן גֵיין וַוייטֶער מִיט'ן שִׁידוּךְ, טְרַאכְטְנְדִיג אַז אֶפְשָׁר וַוייזְט דָאס אַז עֶר אִיז אַ שׁוֹלֶט, אַ קָאנְטְרָאלִירֶער אוּן אַ דִיקְטַאטָאר, אוּן מִיר וִוילְן נִישְׁט אוּנְזֶער טָאכְטֶער זָאל אַרַיינְפַאלְן מִיט אַזַא אֵיינֶעם.

וִוילְן מִיר זִיךְ מְיַיעֵץ זַיין מִיט'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ הַאנְדְלֶען אִין אַזַא פַאל.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עש"ק פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ נֶעמֶען אַ בָּחוּר פַאר אַן אֵיידֶעם זָאל מֶען דֶער עִיקָר קוּקְן אוֹיף דִי מִידוֹת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם פוּנֶעם בָּחוּר, וַוייל דֶער עִיקָר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז דִי מִידוֹת; יָא לֶערְנֶען נִישְׁט לֶערְנֶען - דָאס קֶען מֶען זִיךְ טוֹישְׁן. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט זֵייעֶר אַסַאךְ בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט אַלְס בָּחוּר, אָבֶער נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעלָאזְט דָאס לֶערְנֶען, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזֶען אַסַאךְ בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אַזוֹי פְלַייסִיג אַלְס בָּחוּר, אוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען; זֵיי הָאבְּן גוּט חֲתוּנָה גֶעהַאט, זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער הָאבְּן זֵיי מְחַזֵק גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ שִׁיעוּר, צוּ הָאבְּן אַ רָב וְכוּ' אוּן זֵיי זֶענֶען אִינְגַאנְצְן נִתְהַפֵּךְ גֶעוָוארְן לַטּוֹב. אָבֶער מִידוֹת - דָאס אִיז שׁוֹין עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ טוֹישְׁן; אוֹיבּ הָאט דֶער בָּחוּר נִישְׁט קַיין גוּטֶע מִידוֹת, קוּמְט אַרוֹיס דֶער גַאנְצֶער אֱמֶת נָאכְדֶעם וָואס דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת עֶנְדִיגְט זִיךְ, מֶען טְרֶעפְט זִיךְ מִיט אַ חַיָה אַרוֹיס פוּן יְשִׁיבָה.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ נֶעמֶען אַ שְׁנוּר דַארְף מֶען זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן אוֹיף אִירֶע מִידוֹת; צִי זִי וֶועט זַיין אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, זִיךְ מַכְנִיעַ זַיין פַאר אִיר מַאן אוּן טוּן זַיין רָצוֹן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ט): "אֵיזוֹהִי אִשָּׁה כְּשֵׁרָה? כָּל שֶׁעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעְלָהּ", וֶוער אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי? אַ פְרוֹי וָואס טוּט רְצוֹן בַּעְלָהּ זִי אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַאר'ן מַאן וְכוּ'; דָאס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי. עֶס אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ צוּ פְרֶעגְן אוֹיפְ'ן מֵיידְל צִי זִי אִיז אַ מֵיידְל מִיט הַכְנָעָה, דָאס מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז מֶען וֶוערְט אַ דִיקְטַאטָאר, אוֹיבּ אִיז דֶער בָּחוּר אַ קָאנְטְרָאלִירֶער וָואלְט אִיר דָאס זִיכֶער גֶעהֶערְט פוּן חֲבֵרִים.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע שִׁידוּכִים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת רַחֲמָנוּת, סִימָן יא): "עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת רַחֲמִים, זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת שִׁידּוּכִים טוֹבִים וְהֲגוּנִים", דוּרְךְ תְּפִלָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טוּן גוּטֶע שִׁידוּכִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' קֹרַח תשע"ט)

>>>>>>

אִיז דִי גִימַטְרִיָּא פוּנֶעם שֵׁם אקי"ה, וָואס דֶער שֵׁם וַוייזְט אַז אֲפִילוּ בִּיז יֶעצְט אִיז מֶען נִישְׁט גֶעוֶוען ווָאוֹיל, קֶען מֶען 'פוּן יֶעצְט' אָנְהֵייבְּן צוּ זַיין ווָאוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז דֶער שֵׁם וַוייזְט "אַנָא זָמִין לְמֶהֱוֵי", וָואס דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט בִּיז יֶעצְט, הֵייבְּט מֶען אָן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין גוּט.

נָאר אַזוֹי וִוי וֶוען עֶס אִיז דָא גָאר אַ טֵייעֶרֶע אוֹצָר, נֶעמְט מֶען עֶס אַרוּם אוּן מֶען פַארְזִיגְלְט עֶס מִיט אַסַאךְ שְׁלֶעסֶער, כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם נִישְׁט רִיכְטִיגְן מֶענְטְשׁ, וָואס דַארְף עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען. דִי זֶעלְבֶּע אִיז יֶעצְט, אַזוֹי וִוי דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען אַזֶעלְכֶע גֶעהוֹיבֶּענֶע טֶעג, אַזֶעלְכֶע טֶעג וָואס פַארְמָאגְן אִין זִיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אוֹצָר, אַז מֶען קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאט עֶס דֶער יֵצֶר הָרַע אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁלֶעסֶער פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אַז מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען צוּ קוּמֶען דֶערְצוּ. אָבֶער וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל, לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת, נָאר עֶר נִיצְט אוֹיס דִי צַייט מִיט אַ סַךְ תְּפִלָּה, עֶר בֶּעהְט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר גְרִינְגֶערְהֵייט צוּקוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים בְּרֶענְגְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע (עֲבוֹדַת יִשְׂרָאֵל, מַסְעֵי) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (אֵיכָה א') כָּל רוֹדְפֶיהָ הִשִּׂיגוּהָ בֵּין הַמְּצָרִים. "כָּל רוֹדְפֵי - קָהּ", וֶוער עֶס לוֹיפְט נָאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "הִשִּׂיגוּהָ", קֶען אִים דֶערְגְרֵייכְן. "בֵּין הַמְּצָרִים", דַוְקָא אִין דִי טֶעג פוּן "בֵּין הַמְּצָרִים".

דִי שַׁבָּתִים פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען סְפֶּעצִיעל גָאר גְרוֹיס, וָואס אִיז נִישְׁטָא זֵייעֶר גְלַייכְן אִיבֶּערְן יָאר. דִי דְרֵיי שַׁבָּתִים זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי דְרֵיי יָמִים טוֹבִים, דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁבָּת אִיז קֶעגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, דֶער צְוֵוייטֶער שַׁבָּת אִיז קֶעגְן שָׁבוּעוֹת, אוּן פַּרְשַׁת דְּבָרִים - שַׁבָּת חֲזוֹן אִיז קֶעגְן סוּכּוֹת. אוּן דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי סְפֶּעצִיעלֶע חָשׁוּבֶע שַׁבָּתִים, אוּן שַׁבָּת חֲזוֹן אִיז גָאר דִי גְרֶעסְטֶע שַׁבָּת פוּן יָאר, דֶער נָאמֶען "חֲזוֹן" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף נְבוּאָה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה א') "חֲזוֹן יְשַׁעְיָהוּ". צַדִּיקִים זֶענֶען זוֹכֶה צוּ זֶען אִין דֶעם שַׁבָּת, דֶעם דְרִיטְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וָואס וֶועט אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ.

## פוּן בִּיטֶער וֶוערְט זִיס

דֶער פָּסוּק זָאגְט (יִרְמְיָה א') אַז יִרְמְיָה הַנָּבִיא הָאט נְבִיאוֹת גֶעזָאגְט אוֹיף דִי חוּרְבָּן פוּנֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ "מַקֵּל שָׁקֵד אֲנִי רוֹאֶה". זָאגְט רַשִׁ"י אַז אַזוֹי וִוי דֶער "מַקֵּל שָׁקֵד" - דֶער מַאנְדְל-בּוֹים, פוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַרוֹיס דִי בְּלוּם בִּיז עֶס וַואקְסְט אַרוֹיס דִי פְרוּכְט נֶעמְט אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג, אַזוֹי אוֹיךְ פוּן וֶוען דִי גוֹיִם הָאבְּן צוּבְּרָאכְן דִי מוֹיעֶר פוּן שְׁטָאט, בִּיז וֶוען זֵיי הָאבְּן חָרוּב גֶעמַאכְט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאט גֶענוּמֶען אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג.

מֶען דַארְף אָבֶער וִויסְן אַז דֶער מַאנְדְל הָאט אוֹיךְ אַן אַנְדֶערֶע אֵייגְנְשַׁאפְט. חֲזַ"ל זָאגְן (מַעַשְׂרוֹת פֶּרֶק א') אַז דֶער מַאנְדְל אִיז קוֹדֶם בִּיטֶער אוּן דֶערְנָאךְ וֶוערְט עֶס זִיס. אוּן דֶערִיבֶּער, אַזוֹי וִוי דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ מַאנְדְלֶען, אִיז יֶעצְט דִי צַייט וָואס מֶען קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן אַז פוּן בִּיטֶער זָאל וֶוערְן זִיס. וָואס דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמַת בְּרֵאשִׁית ד.) "וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל זָאל וֶוערְן לִיכְטִיג אוּן פוּן בִּיטֶער זָאל וֶוערְן זִיס?"

דָאס מֵיינְט, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער דָאס לֶעבְּן, עֶס אִיז אִים מַמָּשׁ טוּנְקְל פַאר דִי אוֹיגְן. וֶוען מֶען וֵוייסְט אָבֶער אַז דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט גֶעשֶׁען פוּן זִיךְ אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעמַאכְט מִיט'ן צִיל אוֹיף צוּ וֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דַאן הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוּן גֶעמַאכְט פוּן בִּיטֶער זִיס, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, אוּן עֶר וֶועט אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן צָרוֹת.

## נִישְׁט מִיט עַצְבוּת

דִי אַלֶע הֲלָכוֹת אוּן דִינִים וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אֲבֵילוּת אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים, מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זַיין טְרוֹיעֶרִיג, בְּעַצְבוּת אוּן צוּקְלַאפְּט. נָאר מֶען דַארְף עֶס טוּן מִיט אַן הִשְׁתּוֹקְקוּת אִין הַארְץ, אַז מִיר בֶּענְקְן שׁוֹין אוּן מִיר זֶענֶען מִשְׁתּוֹקֵק אַז מֶען זָאל שׁוֹין אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי וֶועג וָואס אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט, פוּן אֵיין זַייט הָאבְּן זֵיי אִין הַארְצְן גֶעטְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶער אוֹיפְ'ן פָּנִים הָאבְּן זֵיי אֵייבִּיג גֶעהַאט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען יֶעדְן מֶענְטְשׁ בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי מְקָרֵב גֶעוֶוען יֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע הָאט גֶעוָואלְט נָאכְקוּקְן אוּן זֶען וָואס דֶער דֶרֶךְ הַחֲסִידוּת אִיז, הָאט עֶר גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא אוֹיף זֵיי "פַארְוָואס זֶענֶען דִי חֲסִידִים אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ? עֶס אִיז דָאךְ אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז אַ יְרֵא שָׁמַיִם דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ מְצַעֵר זַיין אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וִוי אַזוֹי קֶענֶען דִי חֲסִידִים זַיין אֵייבִּיג אַזוֹי פְרֵיילִיךְ?"

וֶוען דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע אִיז גֶעפָארְן צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זי"ע הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן וֶועג, "בַּאשֶׁעפֶער, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת, הֶעלְף אַז וֶוען אִיךְ קוּם צוּם צַדִּיק זָאל מִיר פַארֶענְטְפֶערְט וֶוערְן אַלֶע מַיינֶע קַשְׁיוֹת. חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (יוֹמָא ל"ח:) 'הַבָּא לִטָּהֵר מְסַיְּעִין אוֹתוֹ' - וֶוען אֵיינֶער וִויל זִיךְ הֵיילִיגְן, הֶעלְפְט מֶען אִים פוּן הִימְל. אָבֶער עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אַ לָשׁוֹן יָחִיד 'מְסַיֵּעַ אוֹתוֹ', וָואס דַאן וָואלְט עֶס גֶעמֵיינְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ 'מְסַיְּעִין אוֹתוֹ' אַ לָשׁוֹן רַבִּים, דָאס מֵיינְט אַז דִי צַדִּיקִים הֶעלְפְן אוֹיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן דֶערְפַאר - הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער - אַז דֶער צַדִּיק זָאל מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע מַיינֶע קֻשְׁיוֹת".

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זי"ע, וִוי נָאר עֶר הָאט אַרַיין גֶעטְרֶעטְן אִין צִימֶער, הָאט אִים דֶער צַדִּיק גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס זֶעסְטוּ אוֹיס אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג הַיינְט? עֶס שְׁטֵייט טַאקֶע אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז אַ יְרֵא שָׁמַיִם דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ מְצַעֵר זַיין אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶער דָאס מֵיינְט נָאר אִין הַארְץ, אוֹיפְ'ן פָּנִים דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן אַ שְׁמֵייכְל", אוּן דֶער צַדִּיק הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען, "גְלֵייבּ מִיר, אַז מִיר זָאגְן אוֹיךְ יֶעדֶע נַאכְט תִּיקוּן חֲצוֹת אוּן מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶער פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶענֶען מִיר נָאךְ אַלְץ פְרֵיילִיךְ".

דֶער צַדִּיק הָאט אִים דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען מִיט אַ מָשָׁל פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי שְׁמֶעלְקֶע נִיקְלְשְׁבּוּרְגֶער זי"ע, אַזוֹי וִוי אַ קֶענִיג וָואס אִיז פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין אַ וַוייטֶע לַאנְד אוּן עֶר הָאט

<<<<<<

>>>>>>

זיך אָפּגעשְׁטֶעלְט זיך אָפּרוּעֶן דָארְט בַּיי זַיינְ'ס אַ פְרַיינְד, וֶוען דֶער פְרַיינְד הָאט גֶעזֶען אַז דֶער קֶענִיג אִיז דָארְט אִין גֶעפֶענְגֶענִישׁ, הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן זִיךְ מְצַעֵר גֶעוֶוען, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר אוֹיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דֶער קֶענִיג שְׁטֵייט אַיין בַּיי אִים. דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ יֶעצְט, אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען טַאקֶע אִין גָלוּת, דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז טַאקֶע חָרוּב, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ מִיט אוּנְז, אוּן מִיר זֶענֶען זֵייעֶר נָאנְט צוּ אִים, אוּן מִיט דֶעם קֶענֶען מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט, "בֶּאֱמֶת וָואלְט אִיךְ דִיר דָאס נִישְׁט גֶעדַארְפְט אוֹיסְזָאגְן, אָבֶער אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ 'הַבָּא לִטָהֵר מְסַיְּעִין אוֹתוֹ', מִיט אַ לָשׁוֹן רַבִּים, מֵיינְט דָאס אַז דִי צַדִיקִים דַארְפְן אוֹיךְ אַרוֹיס הֶעלְפְן אוּן מְקַרֵב זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיר דָאס גֶעזָאגְט"...

דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה אִיז נִבְהָל וְנִשְׁתּוֹמֵם גֶעוָוארְן פוּן דִי קְלָארֶע רוּחַ הַקוֹדֶשׁ פוּנֶעם הֵיילִיגְן חוֹזֶה וָואס הָאט גֶעזֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט, אוּן פוּן דֶעמָאלְט אִיז עֶר נִתְקַרֵב גֶעוָוארְן צוּ אִים, אוּן גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער עִיקָר אֲבֵילוּת דַארְף מֶען הָאבְּן אִין הַארְץ, אָבֶער פוּן אִינְדְרוֹיסְן דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן. אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף דוּרְךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, זָאל עֶר נָאר צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ בֵּין הַמְצָרִים)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (לג)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶוען עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע.**

### קנח

אִין יֶענֶע צַייט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאט אַ מְקוֹרָב מִיטְ'ן נָאמֶען ר' אַבְרָהָם פֶּעטֶערְבּוּרְגֶער, וָואס עֶר פְלֶעגְט דֶעמָאלְט אָפְּשְׁרַייבְּן דִי תּוֹרוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אִיבֶּערָאל אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וואוּ עֶס שְׁטֵייט "לְשׁוֹן הַחֲבֵרִים" אִיז דָאס פוּן וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן. [זַיין לָשׁוֹן אִיז נִישְׁט אַזוֹי מְדוּיָּק].

### קנט

אִין יֶענֶע יָארְן, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע, הָאט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין עֲבוֹדַת ה'. כָּאטְשׁ וָואס עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אוּן תַּלְמִידִים וָואס פְלֶעגְן קוּמֶען צוּ אִים כְּסֵדֶר, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז עֶר גֶעוֶוען רוֹב טָאג פַארְשְׁפַּארְט בַּיי זִיךְ אִין צִימֶער אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶר פְלֶעגְט עַל פִּי רוֹב אַרוֹיסְגֵיין אַסַאךְ צוּ דִי פֶעלְדֶער אוּן דִי בֶּערְג אַרוּם דִי שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְקֶע אוּן דָארְט פַארְבְּרֶענְגְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן אַסַאךְ מָאל אוֹיךְ דִי גַאנְצֶע נַאכְט.

### קס

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי הוֹיכֶע בֶּערְג וָואס הָאט זִיךְ דָארְט גֶעפוּנֶען, אִיז גֶעוֶוען אוֹיבְן פוּנֶעם בַּארְג אַזוֹי וִוי אַ טָאל אַרַיין, אוּן עֶר פְלֶעגְט אַרוֹיפְקְרִיכְן צוּם שְׁפִּיץ בַּארְג אוּן אַרַיינְגֵיין אִינֶעם טָאל דָארְט אוֹיבְן, אוּן דָארְט הָאט עֶר אַסַאךְ מָאל זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד צוּ זַיין.

אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעהַאט נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע פְלֶעצֶער וואוּ עֶר פְלֶעגְט זִיךְ בַּאהַאלְטְן, אוּן דָארְט פְלֶעגְט עֶר פַארְבְּרֶענְגֶען טֶעג אוּן וָואךְ מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת. כָּאטְשׁ וָואס עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען בַּאקַאנְט דֶעמָאלְט אַלְס אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם, נָאר וַוייטֶער זִיךְ גֶעפְלַייסְט צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּטֶערְהֵייט, וִוי אַ קִינְד רֶעדְט זִיךְ אוֹיס אוּן וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּ זַיין טַאטֶע.

### קסא

פוּן אַזוֹיפִיל מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, פוּן אַזוֹיפִיל רֶעדְן צוּם

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## וָואס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאלְטְן וֶועגְן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט קִינְדֶער?



**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר גֶעבְּן אַן עֶרְקְלֶערוּנְג אוֹיף דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, "מְסוּגָל יוֹתֵר לְבָנִים, לִהְיוֹת רָחוֹק מֵהֶם, לִבְלִי לִהְיוֹת דָבוּק בָּהֶם לְשַׁעֲשֵׁעַ בָּהֶם בְּכָל פַּעַם, רַק לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם כְּלַל". אַז סְ'אִיז בֶּעסֶער פַאר דִי קִינְדֶער נִישְׁט צוּ זַיין צוּ נָאנְט צוּ זֵיי, נִישְׁט צוּפִיל פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי, נָאר עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זֵיי.

הַיינְט רֶעדְט מֶען אַזוֹיפִיל וִוי שְׁטַארְק מְ'דַארְף אַוֶועקְגֶעבְּן אַסַאךְ צַייט פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי אוֹיסְהֶערְן אוּן זֵיי גֶעבְּן אַסַאךְ אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. וִוי אַזוֹי שְׁטִימְט דָאס מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ח' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ תְּשׁוּבָה פַאר דַיין שְׁאֵלָה אִין סֵפֶר הַקָדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל (אִידִישׁ חֵלֶק ב, מִכְתָּב רסט), וואוּ מוֹהֲרָא"שׁ גֶעבְּט צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דָא הָאסְטוּ דֶעם בְּרִיוו גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ מוֹהֲרָא"שׁ אִין אִידִישׁ:

"בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ, יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר מַסְעֵי, כ"ז תַּמּוּז ה'תשע"א.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וָואס מֵיינְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נ"ט) "מְסוּגָל יוֹתֵר לְבָנִים, לִהְיוֹת רָחוֹק מֵהֶם, לִבְלִי לִהְיוֹת דָבוּק בָּהֶם לְשַׁעֲשֵׁעַ בָּהֶם בְּכָל פַּעַם, רַק לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם כְּלַל"; דָאס הֵייסְט עֶס אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער אַז מֶען לֶעטְשְׁקֶעט זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי אַזוֹי וְכוּ', אוּן מֶען שְׁפִּילְט זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי וְכוּ'.

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן, עֶס אִיז דָא אַ כְּלָל, אוּן עֶס אִיז דָא אַ יוֹצֵא מִן הַכְּלָל. אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי דַארְף מֶען קִינְדֶער מְקָרֵב זַיין, וּבִפְרַט אִין הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס דִי גַאסְן זֶענֶען הֶפְקֵר, אוּן עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם לֵיידִיג-גֵייעֶרְס, פּוּסְטֶע בָּחוּרִים וָואס זֵיי הָאבְּן אִין זִיךְ קַיין שׁוּם תּוֹכְן נִישְׁט, דַארְף דֶער טַאטֶע זֶען אָנְצוּבּוּנְדְן מִיט זַיין זוּן אַ פְּנִימִיוּת'דִיגֶער קֶשֶׁר וָואס דֶער קִינְד זָאל הָאבְּן צוּטְרוֹי צוּם טַאטְן, אוּן זָאל זִיךְ קֶענֶען מִיט אִים דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן יֶעדֶע זַאךְ, דָאס הֵייסְט מִיט אַ קִינְד דַארְף מֶען רֶעדְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט מִיט אַ דֶערְוַואקְסֶענֶער, אוּן דָאס הָאט אַ קִינְד לִיבּ, אַז מֶען בּוֹיעֶט אִים אוֹיף, אוּן מֶען בַּאנֶעמְט זִיךְ מִיט אִים אוּן מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף מִיט אִים פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי מִיט אַ דֶערְוַואקְסֶענֶער, דָאס בּוֹיעֶט אוֹיף דֶעם קִינְד, אוּן עֶר וֶוערְט זֶעלְבְּסְשְׁטֶענְדִיג, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר הַצְלָחָה אִין זַיין צוּקוּנְפְטֶער לֶעבְּן, מַה שֶׁאֵין כֵּן וֶוען מֶען טְשַׁאטְשְׁקֶעט זִיךְ מִיטְ'ן קִינְד וְכוּ', אַזוֹי וִוי מִיט אַ בֶּעבִּי, אוּן מֶען קוּשְׁט אִים אַלְץ אוּן מֶען הַאלְזְט אִים אַלְץ, אוּן מֶען בַּאנֶעמְט זִיךְ מִיט אִים וִוי מִיט אַ קְלֵיין קִינְד, בְּלַייבְּט עֶר מִיט אַ קְלֵיינֶעם שֵׂכֶל.

אוּן דָאס אִיז דֶער כְּלַל, אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט קוּשְׁן אוּן הַאלְזְן דָאס קִינְד, אֲפִילוּ מֶען הָאט אִים לִיבּ, דָאס מֵיינְט נָאכְנִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מִיט אַ קוּשׁ אָדֶער מִיט אַ גְלֶעט הָאט מֶען אִים לִיבּ, אַדְרַבָּה מֶען מַאכְט אִים עֶר זָאל בְּלַייבְּן אַ בֶּעבִּי, אַ שֵׂכֶל פוּן אַ קְלֵיין קִינְד. דֶער יוֹצֵא מִן הַכְּלַל אִיז אַז מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט אַ קִינְד אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט מִיט אַ דֶערְוַואקְסֶענֶעם אוּן אִים מַסְבִּיר זַיין יֶעדֶע זַאךְ אַזוֹי וִוי מֶען אִיז מַסְבִּיר אַ גְרוֹיסְן פַארְשְׁטֶענְדְלִיכְן מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס בּוֹיעֶט אוֹיף דֶעם שֵׂכֶל פוּן קִינְד.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן הָרַב הֶחָסִיד ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּנְדֶר זַ"ל וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט אִין אוּמַאן אוֹיף דִי שִׂיחָה דֶעם לָשׁוֹן, "מֶען קוּשְׁט נִישְׁט אוּן מֶען שְׁלָאגְט נִישְׁט" אַ קִינְד, אוּן עֶר הָאט עֶרְקְלֶערְט דֶעם מֵיינוּנְג פוּן דִי וֶוערְטֶער, דָאס אַז מֶען קוּשְׁט צוּפִיל אַ קִינְד וֶוערְט עֶר צֶעוִוילְדֶעוֶועט אוּן מֶען דַארְף אִים נָאכְדֶעם שְׁלָאגְן עֶר זָאל נִישְׁט זַיין אַזוֹי ווִילְד.

אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען לְכַתְּחִילָה נִישְׁט קוּשְׁן, וֶועט עֶר נִישְׁט זַיין ווִילְד, עֶר וֶועט הָאבְּן יִרְאָה אוּן פַּחַד פוּן טַאטְן, אוּן מֶען וֶועט אִים נִישְׁט דַארְפְן שְׁלָאגְן".

דָא הָאסְטוּ אַ קְלָארֶע הֶסְבֵּר פוּן מוֹהֲרָא"שׁ וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט קִינְדֶער.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל, דָארְט וֶועסְטוּ טְרֶעפְן תֵּירוּצִים אוֹיף אַלֶע דַיינֶע שְׁאֵלוֹת אוּן סְפֵיקוֹת; עֶס וֶועט דִיר קְלָאר וֶוערְן אַ וֶועג פַארְ'ן לֶעבְּן אִין יֶעדֶע הִינְזִיכְט, הֵן אִין שְׁלוֹם בַּיִת אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אִין חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, וִוי אַזוֹי אוּמְצוּגֵיין מִיט עֶלְטֶערְן וְכוּ' וְכוּ'. אוֹיבּ עֶס אִיז דִיר גְרִינְגֶער צוּ פַארְשְׁטֵיין אִידִישׁ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִין אִידִישׁ, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַכְט הוּנְדֶערְט בְּרִיוו אִין אִידִישׁ פַאר דִי וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' חֻקַּת תשע"ט)

BreslevCenter.com\answers

**די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 845-200-7132



>>>>>>

אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר לַאנְגֶע טֶעג אוּן יָארְן, הָאט דֶער רֶבִּי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְבֵיקוּת אוּן בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף טוּן בְּרַבִּים קוּמְט אִים אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶר מוּז עֶס טוּן מַמָּשׁ מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז פַּאר קִידוּשׁ, וֶוען עֶר וִויל אָנְהוֹיבְּן זָאגְן דִי עֶרְשְׁטֶע וָוארְט פוּן קִידוּשׁ, שְׁפִּירְט עֶר מַמָּשׁ וִוי דִי נְשָׁמָה גֵייט אִים אַרוֹיס. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אֵיידֶער עֶר הוֹיבְּט אָן זָאגְן תּוֹרָה, "וִוי אִיךְ וִויל אַרוֹיסְלָאזְן דָאס עֶרְשְׁטֶע וָוארְט, דַאכְט זִיךְ מִיר אָט גֵיי אִיךְ אוֹיס". אוּן דֶערִיבֶּער פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי קֵיינְמָאל נִישְׁט דַאוֶוענֶען פַארְ'ן עָמוּד, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶעס וָואס מְ'טוּט בְּרַבִּים, צוּם בַּיישְׁפִּיל צוּ לֵיינֶען דִי מְגִילָה אָדֶער קְרִיאַת הַתּוֹרָה, אוּן אֲפִילוּ צוּ זַיין דֶער מַקְרִיא פַארְ'ן בַּעַל תּוֹקֵעַ, אוּן דָאס גְלַייכְן.

אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט גֶעדַארְפְט זָאגְן קַדִישׁ נָאךְ זַיין מַאמֶע אִין טָאג פוּן אִיר יָארְצַייט, אִיז דָאס אִים אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער.

קסב

פוּן זַיין שְׁטַארְקֶע דְבֵיקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בּוּשָׁה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר שְׁפִּירְט מַמָּשׁ אוֹיף זַיין פָּנִים דִי גְרוֹיסֶע בּוּשָׁה, אַזוֹי וִוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט פוּן אַ צְוֵוייטְן, אוּן עֶר שְׁפִּירְט דָאס מַמָּשׁ אוֹיפְ'ן פָּנִים; דִי זֶעלְבֶּע שְׁפִּירְט עֶר אַ בּוּשָׁה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס הוֹיבְּן זִיךְ אִים אָן וַוארְפְן קָאלִירְן אוֹיפְ'ן פָּנִים, אַזוֹי וִוי וֶוען מְ'וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט פוּן אַ חָבֵר.

קסג

זַיינֶע אוֹיגְן הָאבְּן גֶעלָאכְטְן מַמָּשׁ וִוי זוּן אוּן דִי לְבָנָה, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ הָאבְּן זַיינֶע אוֹיגְן גָאר שְׁטַארְק גֶעלָאכְטְן.

וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעזֶען זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע קְדוּשָׁה אוּן דְבֵיקוּת אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, זַיין סְעוּדָה פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס, דִי קִידוּשׁ מִיט דִי נִיגוּנִים, עֶר פְלֶעגְט זִינְגֶען "אַתְקִינוּ סְעֻדָתָא", "אֲזַמֵר בִּשְׁבָחִין", אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע זְמִירוֹת "כָּל מְקַדֵשׁ", "מְנוּחָה וְשִׂמְחָה", "אֵשֶׁת חַיִל", "מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא"; וֶוער עֶס הָאט דָאס נִישְׁט גֶעזֶען אוּן מִיטְגֶעהַאלְטְן, הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען קַיין גוּטֶע זַאכְן אִין זַיין לֶעבְּן.

וֶוער עֶס הָאט יָא עֶס מִיטְגֶעהַאלְטְן הָאט גֶעזָאגְט אַז אַזוֹינְס וֶועט מֶען שׁוֹין נִישְׁט זֶען בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען. עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ שִׁילְדֶערְן אֲפִילוּ נָאר אַבִּיסְל פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שֵׁיינְקֵייט אוּן קְדוּשָׁה, דִי אוּמְבַּאשְׁרַייבְּלִיכֶע זִיסֶע דְבֵיקוּת, יִרְאָה, אוּן עֲנָוָה, וָואס מְ'הָאט דֶעמָאלְט גֶעזֶען בַּיים רֶבִּי'ן, מְ'זֶעט דָאס נִישְׁט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. דָאס אִיז אַלֶעס וָואס מְ'הָאט גֶעקֶענְט זֶען מִיט דִי פְלֵיישִׁיגֶע אוֹיגְן, אוֹיסֶער דִי בַּאהַאלְטֶענֶע סוֹדוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אִין יֶעדֶע זַאךְ.

קסד

פַאר קִידוּשׁ הָאט עֶר גֶענוּמֶען דֶעם בֶּעכֶער אִין הַאנְט, אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַזוֹי מִיטְ'ן בֶּעכֶער שְׁטִילֶערְהֵייט, מְ'הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן אִים נָאר אַ שְׁטִילֶער בְּרוּמֶען פוּן הִשְׁתּוֹקְקוּת, עֶר אִיז אַרוֹיף צוּ וואוּ עֶר אִיז אַרוֹיף, אוּן עֶרְשְׁט נָאכְ'ן זִיךְ פַארְזוֹימֶען אַזוֹי פַאר גָאר אַ לַאנְגֶע צַייט, הָאט עֶר גֶעעֶפְנְט דָאס מוֹיל אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מְתִיקוּת - "יוֹם הַשִּׁשִּׁי".

קסה

אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ גֶעוַואשְׁן צוּ דִי סְעוּדָה פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס, עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַן "הַמּוֹצִיא" אוּן גֶעגֶעסְן אַ שְׁטִיקְל חַלָּה. אוּן צוּ דִי זֶעלְבֶּע צַייט הָאבְּן אַלֶע אָנְוֶועזֶנְדֶע אוֹיךְ זִיךְ גֶעוַואשְׁן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶסְן דִי חַלָּה. אָבֶּער גְלַייךְ נָאכְ'ן עֶסְן דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁטִיקְל חַלָּה אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרַיין אִין אַ גְרוֹיסֶע דְבֵיקוּת אוּן יִרְאָה, עֶר אִיז אַרוֹיף מִיט זַיין מַחְשָׁבָה צוּ וואוּ עֶר אִיז אַרוֹיף, אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן זִיצְן אַזוֹי מִיט אָפֶענֶע אוֹיגְן מִיט אַ שְׁטִילְקֵייט אוּן אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע דְבֵיקוּת פַאר דִי גַאנְצֶע נַאכְט.

דֶער עוֹלָם אִיז גֶעבְּלִיבְּן זִיצְן מִיט אַ צִיטֶער, מְ'הָאט גָארְנִישְׁט וַוייטֶער סֶערְוִוירְט צוּם טִישׁ, אוּן דֶערְוַוייל אִיז דִי נַאכְט אַרִיבֶּער, עֶס הָאט שׁוֹין אוֹיפְגֶעשַׁיינְט דִי זוּן, אוּן מְ'הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אוּן מְ'אִיז זִיךְ צֶעגַאנְגֶען.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## שיינע ברית ביים ראש ישיבה שליט"א

מיט גרויס שמחה איז אפגעהאלטן געווארן פארגאנגענעם מוצש"ק די וואך-נאכט ביים ראש ישיבה שליט"א, ביים מלוה מלכה אין קעמפ, וואו דער ראש ישיבה האט אויפגעטרעטן מיט א שיינע דרשת חיזוק, ווי דער ראש ישיבה'ס שטייגער איז יעדע וואך אין קעמפ, ווי פילע אידן פון די גאנצע קעטסקיל בערג קומען צו פארן צו קענען הערן דברי התחזקות, צו קענען אנגיין ווייטער.

די ברית איז פארגעקומען אין בארא פארק ביים גרויסן זיידן כ"ק גאב"ד קארלסבורג שליט"א, דער זיידע קארלסבורגער רב שליט"א איז געווען סנדק, ויקרא שמו בישראל "מנחם".

די סעודה איז געווען אין ביהמ"ד, דער ראש ישיבה האט גערעדט שיינע דיבורים, און צווישן אנדערע אויך ארויסגעברענגט אז "כשם שנכנס לברית", אז פונקט ווי די ברית איז אין שול, "כן יכנס לתורה לחופה ולמעשים טובים", אזוי אויך זאל די בר מצוה און די חתונה פארקומען אין שול, אריינברענגען אין די קינדער אז דער עיקר איז נאר תורה און תפלה, נישט געלט און אויפרייסערישע שמחות. דערנאך האבן ביידע געהויבענע זיידעס, הגה"צ רב הצעיר דקאלרסבורג שליט"א און הגה"צ רבי מרדכי אהרן מייזליש שליט"א, גערעדט דברי תורה וברכה, און דערנאך האט דער עלטער זיידע כ"ק גאב"ד קארלסבורג שליט"א אויפגעטרעטן מיט דברי תורה וברכה.

דער אייבערשטער זאל העלפן דער ראש ישיבה זאל זען נחת פון דעם קינד און אלע אנדערע קינדער, און זאל זוכה זיין ווייטער צו קענען איבערגעבן די הייליגע עצות און חיזוק פון הייליגן רבי'ן פאר אידן איבער די גאנצע וועלט אזוי ווי ער האט מקבל געווען פון מוהרא"ש ז"ל.

**כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים!**

***

## טיי אוונט אין וויליאמסבורג לטובת די כולל היכל הקודש ברסלב

דעם פארגאנגענעם מיטוואך נאכט פרשת חוקת איז פארגעקומען א שיינע מסיבה לטובת די בארימטע ברסלב'ע כולל וואס ווערט אנגעפירט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א, וואו עס הארעווען אינגעלייט און זענען זיך ממית באהלה של תורה, טייערע אברכים וואס תורתם אומנתם, און זענען זיך משלים אין די הייליגע ווענט פון כולל מיט'ן לערנען ש"ס ופוסקים.

ווי אויך אסאך אינגעלייט וואס ארבעטן במשך דעם טאג, נוצן אויס די צופרי אדער בייnאכט שעות איינצוקומען לערנען אין כולל אין די צופרי און ביינאכט סדרים, ווען מ'איז זיך משלים מיט'ן לימוד שלחן ערוך הלכה למעשה.

די מסיבה איז פארגעקומען אין שטוב פון מו"ה אייזיק ראטה הי"ו, א רייכע נאכטמאל איז סערווירט געווארן פאר אלע משתתפים.

א געשמאקער פראגראם איז צוגעגרייט געווארן בשבת אחים גם יחד. מו"ה יענקי פיש הי"ו האט דערציילט איבער זיין ערשטע ראש השנה אין אומאן, מו"ה יואלי מאשקאוויטש הי"ו האט דערציילט איבער זיין ערשטן זומער אין קעמפ מיט'ן ראש ישיבה, דערנאך האט גערעדט מו"ה משה יחיאל פעלדמאן הי"ו ווי אזוי די פרנסה ווערט פיל גרינגער ווען מ'לעבט מיט'ן אייבערשטן ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז, און אזוי ווייטער האבן פילע אנשי שלומינו דערציילט ווי אזוי זיי זענען מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן, מיט אינטערעסאנטע געשיכטעס אויפ'ן וועג.

דער עולם האט זיך אנגערופן מיט שיינע סכומים ארויסצוהעלפן דעם חשוב'ן כולל.

**הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד!**

***

## סיום מסכת תענית, הונדערט און איין מאל

די וואך מאנטאג איז פארגעקומען אין קעמפ א שיינע סיום מסכת תענית, הונדערט און איין מאל, דורך הבחור החשוב לייבי ראטה נ"י.

נאכדעם וואס ער האט זוכה געווען מסיים צו זיין גאנץ ש"ס, האט ער זיך גענומען צו מסכת תענית, עס איבערצוגיין הונדערט און איין מאל, אזוי ווי מוהרא"ש האט געזאגט פאר די בחורים, און די וואך האט ער זוכה געווען עס צו ענדיגן.

מאנטאג נאכט נאך מעריב איז זיך דער עולם צוזאמגעקומען אין בית המדרש זיך מיטצופרייען מיט די שמחה של תורה. דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט און ארויסגעברענגט אז אויסער די געוואלדיגע התמדת התורה פונעם בחור המסיים, דארף מען ארויסהייבן זיין איבערגעגעבנקייט פאר די ישיבה, אז ער גרייט צו דאס עסן פאר די בחורים, און אזוי ווייטער העלפט ער ארויס מיט וואס עס פעלט נאר אויס. און דאס וועט אים זיכער באגלייטן זיין גאנץ לעבן, אז ער וועט מצליח זיין אויך נאך די חתונה, צו וויסן ווי אזוי זיך אן עצה צו געבן אין יעדן מצב.

**כי הם חיינו!**


## הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

# אשר בנחל

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**